מינה סאלאווייטשיק, רעננה

# א חתונה אין שטעטל

נישט אַלץ וואָס אַ מענטש לעבט דורך אין זיין לעבן בלייבט אין זיין באַוווסטזיין און רופט אַרויס ביי אים זכרונות. איינציקע מאָמענטן און געשעענישן — און די זענען נישט פיל — ווערן דאָך מיט דער צייט נישט אָפּגעמעקט, און בלייבן לעבן אין זכרון אויף שטענדיק. איין געשעעניש אַזאַ, וואָס וועט מיין גאַנץ לעבן שפּייזן מיינע זכרונות — איז די חתונה פון מיין שוועסטער פרידע מיט איר באַשערטן הערשל ווייסמן.

שוין אַ פּאָר וואָכן פאַר דער חתונה זענען די הכנות געווען אין גאַנצן גאַנג. מען האָט געבאַקן און געקאָכט. חנה די בעטערקע און פּייוול דער שמש זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און געלאַדן די געסט אין נאָמען פון ר׳ שלום קאַרש און הרב פּסח אהרן ווייסמן.

חנה איז שוין געווען אַ עלטערע פרוי, און אין די ווייטערע גאַסן איז איר געווען שווערלעך צו גיין. איז זי געקומען צו מיין מוטער און געזאָגט: רבקה, אפשר קענט איר מיר געבן אַ פּאָר לייכטערע שיך, מיינע שווערע שיך רייסן מיר אָפּ די פיס. וואָס? — זאָגט די מאַמע, לייבטערע שיך, פאַרוואָס האָט איר דאָס גלייך נישט געזאָגט? עס געדויערט אַ מינוט און חנה בייט איבער מיט שמחה די שיך און גייט ווייטער אויף איר שליחות. אַ חוץ די צוויי אינערלעכע שליחים, זענען אָפּגעשיקט געוואָרן פיל איינלאַדונגען דורך דער פּאָסט.

ניסל דער שניידער האָט גענייט פאַרן חתן און מחותנים משה דער שניידער האָט גענייט פאַר מיין פאָטער שלמה חאַסטעל די שניידערקע — פאַר דער כלה.

דער טומל איז געווען גרויס און ס׳איז געווען פריילעך. אויך די תלמוד־תורה קינדערלעך האָט מיין פאָטער נישט פאַרגעסן, זיי אַלעמען נייע אָנצוגלעך געמאַכט און צו דער חתונה געבראַכט. די שטוב איז געווען איינגעטונקט אין בלומען, כלי־זמר האָט מען געבראַכט פון ראַטנע, ווי אויף אַלע חתונות אין קאָמין. ווייל קאמין האָט קיין כלי־זמר נישט געהאַט. איצל קלעזמער איז געווען דער קאַפּעלמייסטער און האָט געשפּילט פידל, די איבעריקע קלאַרנעט און דו׳אַז.

דאָנערשטיק, מיטן קבלת־פּנים פון די חשוב׳ע געסט, האָט זיך די גרויסע שמחה אָנגעפאַנגען, און פרייטיק האָט מען מיט מוזיק די באַשערטע חתן וכלה געפירט צו דער חופּה. עס איז געווען ששון ושמחה.

אַט זע איך מיט מיינע אויגן די פריילעכע חתונה, די קינדערלעך מיט די פריש־אויסגעצוואָגענע קעפּעלעך, מיט ריין־ווייסינקע קליידעלעך, מען עסט, מען טרינקט און די רופן „מזל־טוב״ הילכן אין דער לופט. דער טאַטע טיילט די תלמוד־תורה קינדערלעך כיבוד, און גייט מיט זיי אַרויס אין אַ רעדל־טאַנץ. אַ יידישע חתונה — דורכגענומען מיט שמחה און צופרידנקייט.

די טריסקער חסידים און די בית־המדרש יידן, אַלע צוזאַמען האָבן די פריילעכקייט געשאַפן. אויך דער חזן יאָסל האָט זיין טייל געגעבן; נאָכן עסן צו זאָט און פאַרטרינקענדיק אַ גלעזעלע לחיים, האָט ער פאַרגעסן פון זיינע אַלטעגלעכע צרות און יסורים, איז אריין אין עקסטאַז און זיך צעזונגען גרויסאַרטיק, אַזוי ווי ער האָט געקענט, מיט זיין גוטער שטימע אין אַזעלכע מאָמענטן.

און אַזוי יאָגט אַ בילד נאָך אַ בילד, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט... אין מיטן גיב איך מיר אַ קלער: איז עס טאַקע געווען אַ חתונה אין דער ווירקלעכקייט, אָדער איז עס נאָר אַ חלום? עס ווייזט אויס, אַז איך האָב געהאַט אַ מאָל אַ שוועסטער פרידע מיט אַ שוואָגער הערשל ווייסמן. אויף וועמענס בילד איך קוק גאַנץ אָפט מיט טרערן אין די אויגן; און עס איז געווען ביי זיי אַ חתונה, וועלכע האָט געדויערט פון דאָנערשטיק ביז נאָך שבת דינסטיק א חתונה וואָס דאָס גאנצע יידישע שטעטל יונג און אלט האָט אין איר אָנטייל גענומען.